האָר און מיט אָנטון זיך גאָלדענע זאַכן, אָדער מיט
4 אָנקליידן זיך (טייערע) מלבושים; נאָר דער פאַרבאָר־
גענער מענטש פון דעם האַרצן, מיט דער אומ־
פאַרדאַרבלעכער (צירונג) פון אַן עניוותדיקן און
5 שטילן גייסט, וואָס איז זער טייער פאַר ג־ט. וואָרום
אַזוי אָ האָבן זיך אויך אַמאָל געצירט די הייליקע
פרויען, וועלכע האָבן געהאָפט אויף ג־ט, און זענען
6 געווען אונטערטעניק צו זייערע אייגענע מענער; ווי
שרה האָט געהאָרכט אברהמען, און אים גערופן האַר;
וועמעס טעכטער איר זענט געוואָרן, ווען איר טוט
גוטס און שרעקט זיך נישט אָפּ פון קיין שום פּחד.
7 אויך אַזוי, איר מענער, וואוינט מיט זיי מיט
פאַרשטאַנד, צוטיילנדיק כבוד צו דער פרוי ווי
צו דער שוואַכערער כלי, אַזוי־ווי זיי זענען אויך
מיטיורשים אין דעם חסד פון לעבן, כדי אייערע
תפילות זאָלן נישט געשטערט ווערן.
8 און צום סוף, האָט אַלע איין מחשבה, האָט מיט־
לייד, זייט ברידערלעך, באַרמהערציק, האַלט זיך
9 נידריק; צאָלט נישט אָפּ מיט שלעכטס פאַר שלעכטס,
אָדער זידלוואָרט פאַר זידלוואָרט, נאָר להיפך:
בענטשט; ווייל דערצו זענט איר באַרופן געוואָרן,
10 כדי איר זאָלט ירשענען אַ ברכה. וואָרום:

ווער עס וויל ליב האָבן דאָס לעבן
און זען גוטע טעג,
זאָל ער אָפּהאַלטן זיין צונג פון בייז,
און זיינע ליפּן פון רעדן פאַלשקייט;
11 זאָל ער זיך אָפּנייגן פון שלעכטס און טון גוטס,
זאָל ער זוכן שלום און נאָכיאָגן אים.
12 ווייל די אויגן פון דעם האַר (ג־ט) זענען אויף
די צדיקים
און זיינע אויערן צו זייער געבעט;